בס"ד

נח תשפ"ב

גליון 62

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייְעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

קִינְדֶער, לָאמִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטֶעטֶעלֶע בְּרֶסְלֶב צוּרִיק מִיט צְווֵיי הוּנְדֶערְט יָאר. אִין אֵיינֶע פוּן דִי נֶעכְט פוּן פְּרָשַׁת נֹחַ זֶענֶען אַריינְגֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע תַּלְמִידִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן צוּ זֵיי: "וָואס אִיךְ טוּ מִיט אַייךְ דָאס אִיז בַּיי מִיר אַ קְלֵיינִיגְקַייט, דָאס דַארְפְן עֶנְק מַאכְן"...

דֶער רֶבִּינְ'ס כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען אַז דָאס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז - אַז עֶר אִיז אוּנְז מְקָרֵב צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז פַאר אִים גָאר אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי ווִיל אָבֶּער מִיר זָאלְן טוּן דִי זַאךְ פוּן מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט הֶעכֶערֶע עֲבוֹדוֹת פוּן דֶעם.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק וואוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאפֶעלְט סַיי אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן סַיי נֹחַ "וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹקִים לֵאמֹר.. פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ" זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶער אִיד וָואס שַׁיינְט אַריין גוּטֶע רֵייד פַאר זַיין חָבֵר, אַ דִּבּוּר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוערְט דֶער חָבֵר זַיין תַּלְמִיד, אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט וֶוען דֶער חָבֵר שַׁיינְט אִין מִיר אַריין רִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים וֶוער אִיךְ אַ תַּלְמִיד פוּן מַיין חָבֵר, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט "וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ".

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶס זָאל זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס ווֵייסְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶועלְן מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא מִצְוָה אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ אָנְפִילְן דִי וֶועלְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן ווִיסְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ווַייל נָאר וֶוען מֶען ווֵייסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט מֶען גֶערוּפְן אַ "מֶענְטְשׁ", אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווֵייסְט נֶעבֶּעך נִישְׁט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן קֶען נִישְׁט וֶוערְן גֶערוּפְן אַ מֶענְטְשׁ עֶר אִיז בַּעַל חַי מִיט אַן אוֹיסְזֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז זַייעֶר גֶעבֶּעטְן מִיט זָאלְן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל תְּפִלָּה וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּפִילוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר אִיז גִיזֶעסְן חוּץ לְיִשּׁוּב. אוּן זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַמָאל אַריין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַריין. אוּן עֶר פְלֶעגְט אַריין צוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשׁ מִן הַסְּתָם פְלֶעגְט עֶר אַריין גֵיין צוּ קְלֵיינֶע לַייט. דְהַיְינוּ אָרִימֶע לַייט א.ד.ג אוּן עֶר פְלֶעגְט מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֱמֶת אִיז קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נִישְׁט פַארְהַאנְדְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. נָאר מֶען זָאל גָאט דִינֶען ווִילַאנְג מֶען לֶעבְּט.

אוּן מֶען זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארְן נָאר מִיט תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ א.א.וו. אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּסְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹינֶע רֵייד וָואס עֶס זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקְן. בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַריין גֶעגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין הַארְצְן אַריין. בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְרוּצֶה גִיוָוארְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאהֶעפְטְן.

אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן זַיינֶע חִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, בִּיז עֶס פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין גֶעפִינֶען צְווִישְׁן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס עֶר הָאט אַהִין גֶעבְּרַאכְט אַזוֹינֶע וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גֶעבְּן רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַריין אוּן זָאל דֶערְוֶועקְן מֶענְטְשְׁן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַז זֵיי זָאלְן נָאר גָאט דִינֶען.

המשך אויף די לעצטע זייט

## ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זי"ע

חלק ב'

ר' שְׁמוּאֵל הָארְוִויץ אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב רֶבִּי שְׁמוּאֵל בֶּן ר' יִשְׂרָאֵל הֶעלִיר זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אָב בֵּית דִּין פוּן הֵיילִיגְן שְׁטָאט צְפַת.

דער זֵיידֶע פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, הָרַב רֶבִּי אַבְרָהָם פֶּרֶץ זצ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נָאנְטֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה מִלּוּבְּלִין זצ"ל. ער אִיז גֶעוֶוען דער בַּעַל תּוֹקֵעַ בַּיים חוֹזֶה. רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר אִיז אוֹיפְגֶעוואקְסְן גֶעוָוארְן אִין שׁוֹיס פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין. דער חוֹזֶה הָאט בַּאפוֹילְן פַאר ר' יִשְׂרָאֵל ער זָאל פָארְן מִיט זַיין קִינְד רֶבִּי שְׁמוּאֵל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווייל עֶס וואַרְט אִים דָארְט אָפּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר זַייעֶנְדִיג דער רַב אִין שְׁטָאט צְפַת פְלֶעגְט ער יֶעדְן טָאג גֵיין צוּם שֶׁעכְט הוֹיז צוּ הַאלְטְן אַן אוֹיג אוֹיף דִי הַשְׁגָּחָה פוּן דִי שׁוֹחֲטִים, יָארְן בֶּעפָאר אִיז ער אַלֵיין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אוּן בּוֹדֵק, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אִין צְפַת אִין יָאר תקצ"ז אוּן זַיין הַאנְט אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּנְטֶער אַ הוֹיפְן שְׁטֵיינֶער, הָאט ער גֶעמוּזְט אָפְּלָאזְן דִי שְׁחִיטָה. וֶוען ער אִיז אָבֶּער גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דער אָב בֵּית דִּין, אִיז ער טְרָאץ אַלֶע טִרְדוֹת גֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג צוּם שֶׁעכְט הוֹיז צוּ זֶען אַז דָאס כַּשְׁרוּת זָאל זַיין אוֹיפְן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן דִי שְׁחִיטָה, וֶוען ער אִיז אַרִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט ער אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט אִין דִי אִידִישֶׁע גֶעווֶעלְבְּן, וֶוען ער הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דער גֶעשֶׁעפְטְסְמַאן אִיז טְרוֹיעֶרִיג ווארְטֶנְדִיג אוֹיף קוּנְדְן זָאלְן בַּאזוּכְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט, אִיז ער גְלַייךְ אַרַיין אוּן גֶעקוֹיפְט עֶפֶּעס אַ טִיכְל אָדער עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַ פְרֵיילִיךְ וָוארְט צוּ מְחַזֵּק זַיין דֶעם אִידְל, אַזוֹי הָאט ער זִיךְ טֶעגְלִיךְ אַהֵיים גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט פֶּעק אוּן זֶעק פוּן פַארְשִׁידֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן וואו ער הָאט גֶעמַאכְט אַ גוּט גֶעשֶׁעפְטְל!! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַאר זִיךְ הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי אַלֶע שְׁמָאנְצֶעס, הָאט ער דָאס גֶערְן פַארְטֵיילְט פַאר דִי אָרִימֶע לַייט.

מֶען פְלֶעגְט בַּיי ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר אִין שְׁטוּב צוּשְׁטֶעלְן אַ גְרוֹיסְן טָאפּ פוּן זוּפּ אוּן פְלֵיישׁ, אוּן דִי אָרִימֶעלַייט פְלֶעגְן קוּמֶען אוּן דִי רֶעבֶּעצִין פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן פוּנֶעם טָאפּ פַארְטֵיילֶנְדִיג פְרִישֶׁע קָאכֶעדִיגֶע זוּפּ פַאר דִי אָרְטִיגֶע עֲנִיִּים, וֶוען יֶעדֶע פָאר מִינוּט הָאט מֶען צוּגֶעגָאסְן נָאךְ אַבִּיסְל וַואסֶער צוּם טָאפּ, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן נָאכְטְמָאל אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר ר' שְׁמוּאֵל אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה נָאר אַבִּיסְל וַואסֶער מִיט בָּאנְדְלֶעךְ!




די קבר פון ר' שמואל העליר אין צפת

נָאכְן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, וֶוען דָאס הַאנְט פוּן ר' שְׁמוּאֵל אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, הָאט ער גֶעטְרַאכְט צוּ פָארְן קַיין ווִין זִיךְ צוּ לָאזְן הֵיילְן זַיין אָפְּגֶעשְׁוַואכְטֶע הַאנְט בַּיי דִי אָרְטִיגֶע דָאקְטוֹירִים, ער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט מִיט אַ שְׁאֵלַת חָלוֹם אוֹיבּ ער זָאל אַרוֹיסְפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין חוּץ לָאָרֶץ, הָאט מֶען אִים גֶעווִיזְן אִין חָלוֹם דֶעם פָּסוּק "תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ... מִקְּדָשׁ ה' כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ" - דער פָּסוּק רֶעדְט פוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען עַם יִשְׂרָאֵל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָאס וָוארְט "יָדֶיךָ" אִיז גֶעוֶוען גֶעפִּינְטְלְט, הָאט ער פַארְשְׁטַאנֶען אַז ער זָאל שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זַיינֶע צְוֵויי הֶענְט וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַיילְט גֶעוָוארְן.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ מִתְנַגְּדִים וֶועלְכֶע פְלֶעגְן אִים אָנְטוּן אַסַאךְ צָרוֹת, ער הָאט אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְגֶעטוּן נָאר גוּטְס. אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד מִיטְ'ן נָאמֶען מָרְדְּכַי'לֶע, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט בַּאפַאלְן ר' שְׁמוּאֵל מִיט קְלָלוֹת אוּן גֶעשְׁרַייעֶרַייעֶן, וֶוען אִינְמִיטְן אוֹיסְשִׁיסְן זַיינֶע קְלָלוֹת מִיט אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶע בַּאקְן, הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן גֶערֶעדְט

צוּ אִים מִיט לִיבְּלִיכְקַייט, מִיט וַוארִימֶע רֵייד: "מָרְדְּכָי'לֶע פַּארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ אַזוֹי, דָאס קֶען שָׁאטְן פַאר דַיין גֶעזוּנְט? דוּ קֶענְסְט מִיר אַלֶעס זָאגְן רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן."

## דִי שֶׁענְסְטֶע קָאלִיר

ווען דֶער שַׂר ר' מֹשֶׁה מָאנְטִיפְיוֹרִי ז"ל אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטָאט צְפַת ת"ו, הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁטַאט אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטוּב פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר. דִי וֶוענְט פוּנֶעם צִימֶער וואו ר' שְׁמוּאֵל פְּלֶעגְט זִיצְן זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוַוארְץ פַארְרֵייכֶערְט פוּן דִי לֶעכְט. דֶער שַׂר ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם קָאלִיר, עֶר הָאט קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא קָאלִיר? ווען מֶען הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קָאלִיר נָאר רוּיעֶך פוּן דִי לֶעכְט וָואס בְּרֶענְט בַּיי דִי נֶעכְט שָׁעָה'ן ווען ר' שְׁמוּאֵל אִיז עוֹסֵק אִין תּוֹרָה, הָאט ר' מֹשֶׁה זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען דֶעם רַב מִיט דֶעם שֵׁיינֶעם וואוּנְט קָאלִיר. "אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן, מִיט גָאר שֵׁיינֶע פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע קָאלִירְן" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "אָבֶּער אַזַא טַייעֶרֶע קָאלִיר, אִיז שֶׁענֶער אוּן אַסַאךְ חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶע פַארְבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט!!"

ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר הָאט אֵיינְמָאל גֶעלֶערְנְט דִי כְּתָבִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן אר"י - רַבֵּינוּ יִצְחָק לוּרְיָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען אַן עִנְיָן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען. עֶר הָאט וַוארֶעם מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער אריז"ל זָאל קוּמֶען פוּן אוֹיבְן לֶערְנֶען מִיט אִים, אַזוֹי הָאט ווִירְקְלִיךְ פַּאסִירְט, דֶער הֵיילִיגֶער אר"י אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים לֶערְנֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְ'ן מַטְרִיחַ זַיין דֶעם אר"י ז"ל, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַ קַבָּלָה צוּ גֵיין יֶעדְן פְרַייטָאג אוֹיפְן הֵיילִיגְן צִיוּן פוּנֶעם אר"י אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים.

ווען ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יאר תקפ"ב, אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי גָאוֹן רַבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, הָאט אִים ר' שְׁמוּאֵל פַארְצֵיילְט דֶעם אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטְן סִיפּוּר אוּן גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' נָתָן: "וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים?" הָאט אִים דַאן ר' נָתָן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַ תִּיקוּן הַבְּרִית אוּן עֶס וֶוערְט גֶערוּפְן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי".



א דאנק בריוו פארן שר משה מאנטיפיורי אויף זיין תרומה פון צען שטערלינג פאר די ביקור חולים און הכנסת כלה מיט די חתימה פון די רבני צפת, מערק די חתימה פון ר' שמואל

ווען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קַיין צַייט אָדֶער כֹּחַ



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען פְּרִי אִין חֵדֶר, אָבֶּער אִיךְ הָאב פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי בָּאס... אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַארְשְׁפֶּעטִיגוּנְג צֶעטְל, הָאב אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער מַשְׁגִּיחַ זָאל מִיר נִישְׁט בֶּעטְן קַיין צֶעטְל, אוּן מַיין תְּפִלָּה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן...

י.ר.

יָא, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט, אֲפִילוּ אוֹיף אַ שִׁיךְ בֶּענְדְל אָדֶער אַ קְנֶעפְּל וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.




טייערע קינדער, שיקט אייערע מעשה'לעך צו מאזעלס אויף!
קענען געווינען שעפענע פרייזן!

# לגאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צענטע מעשה (2)
## דער בערגיר מיט'ן ארעמאן




**א. וועלכע שכר האט דער בערגיר באקומען?**
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ב. וועלכע שכר האט באקומען די ווייב פונעם ארימאן?**
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ג. וואס איז געווען דער סוף פונעם ארימאן?**
- ❑ ער איז געווארן נאכמער ארים
- ❑ ער איז געווארן זייער רייך
- ❑ ער איז נפטר געווארן

**ד. ווען דער בערגיר האט געבעטען די ווייב פונעם ארימאן זיך צו משדך זיין, וואס האט זי געענטפערט?**
- ❑ אויב איר ווילט בין איך זיכער גרייט
- ❑ יא
- ❑ ניין

**ה. וואס האט מען צום ערשט געמאכט דעם ארימאן?**
- ❑ פאר א פראפירטשיק
- ❑ פאר א יעדניראל
- ❑ פאר א שר

**ו. וואס איז דער ארימאן געווארן צום סוף?**
- ❑ א יעדניראל
- ❑ א קיסר איבער די גאנצע וועלט
- ❑ א קיסר

**ז. וואס האבן די קעניגן געגעבן פאר'ן קיסר?**
- ❑ אסאך טייערע מתנות
- ❑ א גאלדענע קרוין מיט דימאנטן
- ❑ א כתב מיט גילדענע אותיות

**ח. פארוואס האט דער ארימאן זיך נישט געוואלט זיך משדך זיין מיט'ן בערגיר?**
- ❑ ווייל עס פאסט נישט אז א יעדניראל זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ❑ ווייל עס פאסט נישט אז א קיסר זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ❑ ווייל די ווייב פון ארימאן האט נישט געוואלט זיך משדך זיין

**ט. וואס האט דער קיסר געטראכט צו טאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- ❑ אים צו מאכן ארים
- ❑ אים מעביר זיין פון די וועלט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. צום סוף איז געלונגען פאר'ן קיסר אויסצופירן די פלאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- ❑ ניין.
- ❑ אים צו מעביר זיין יא, אים צו ארים מאכן נישט.
- ❑ ער האט אים סיי ארים געמאכט און סיי מעביר געווען.

**יא. וואס האט פארציילט די ווייב פון ארימאן פאר איר טאכטער?**
- ❑ איר גאנצע מעשה און ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר איר
- ❑ די שבועה וואס זי האט געשווארן אז איר גאנצע גוטץ זאל נישט זיין פארמיטן פון אים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. די ווייב פון ארימאן האט געזאגט פאר איר טאכטער אז דער טאטע וויל הרג'נען דעם זוהן פון בערגיר, פארוואס?**
- ❑ ווייל ער האט אים פיינט
- ❑ וועגן זיין גדלות
- ❑ וועגן זיין שלעכטיקייט

**יג. און וואס האט זי אים געזאגט וועגן חתונה האבן?**
- ❑ זאלסט לכתחילה נאר חתונה האבן מיט'ן זוהן פון בערגיר
- ❑ מעגסט חתונה האבן מיט וועמען דו ווילסט
- ❑ דער זון פון בערגיר איז דיין חתן, און זאלסט נישט וועלן קיין אנדערן אויף דער וועלט

**יד. פארוואס האט די טאכטער אנגענומען די ווערטער פון איר מאמע?**
- ❑ ווייל זי האט געשפירט די אמת'דיקייט פון די ווערטער
- ❑ ווייל די מאמע איז געווען א יראת שמים
- ❑ וויל די טאכטער איז אויך געווען א יראת שמים

**טו. וואס האט די טאכטער אויסגעמאלעוועט אויף די כתב וואס זי האט געשיקט פאר'ן זוהן פון בערגיר?**
- ❑ אלע פלעצער וואו איר מאמע האט זיך באהאלטן מיט זיין טאטע
- ❑ די מדברות און וועלדער וואו זיי האבן זיך באהאלטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ ווי נישט גוט איז די גאוה פונעם קיסר
- ❑ ווי גוט איז די יושר פון די ווייב פונעם ארימאן
- ❑ _______________________________.

צו ענטפערן די
בחינות און אריינגיין
אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
1-518-329-9149

המשך פון זייט 1

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז יֶעדֶער פוּן אוּנְז זָאל קֶענֶען אַרַיינְשַׁיינֶען אוּן בַּאקוּמֶען דִיבּוּרִים פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דִיבּוּרִים פוּנֶעם תַּכְלִית, דִיבּוּרִים פוּן הִתְחַזְּקוּת אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל וֶוערְן אָנְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נָאר פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵעָה אֶת ה'".




המשך פון זייט 3 **ר' שמואל הארוויץ חלק ב**

אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם גַאנְצְן תְּהִלִּים אוֹיפְן צִיּוּן הָאֲרִיזַ"ל פְלֶעגְט עֶר טַאקֶע זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך אִיז אַ כְּלָלִיּוּת פוּן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים, אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר דָאס זָאגְן בַּיי נָאךְ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוּן אוֹיךְ דִי תְּפִלּוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת פוּן ר' נָתָן.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַלֶע סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין. (ר' שְׁמוּאֵל הָארְוִויץ שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵעָה מִיט אַ זִיגְל פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, גֶעשְׂרִיבְּן הַגָּהוֹת מִיט זַיין הַאנְט שְׁרִיפְט)

וֶוער דֶער טְשֶׂערִינֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין גֶעווּאוֹינְט בַּיים אִים אָן צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט.